בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת תולדות
ה' כסלו שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 2, גליון 6
(21)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שְׁמִינִי עֲצֶרֶת שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ד', מַעֲשֶׂה נִסִּים, מַעֲשֶׂה מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד. דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי מַעֲשֶׂה נָאכְאַמָאל פוּן אָנְהֵייבּ.

## דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

מַעֲשֶׂה נִסִּים. אַמָאל אִיז גִיוֶועןְ אַ מֶלֶךְ. הָאט עֶר גוֹזֵר גִיוֶוען אוֹיף דֶער מְדִינָה גֵירוּשׁ בִּגְזֵירַת שְׁמַד. (דְהַיְינוּ) אַז וֶוער עֶס וִויל בְּלַייבְּן אִין דֶער מְדִינָה. מוּז עֶר זִיךְ שְׁמַדִין. אוּן אַז נִיט. זָאל מֶען אִים אַרוֹיס טְרַייבִּין פוּן דֶער מְדִינָה. אִיז גִיוֶוען אַ טֵייל וָואס זֵיי הָאבִּין מַפְקִיר גִיוֶוען גָאר זֵייעֶר גוּטְץ מִיט זֵייעֶר עֲשִׁירוּת. אוּן זֶענֶען פוּן דָארְט אַרוֹיס בְּדַלוּת כְּדֵי זֵיי זָאלִין בְּלַייבְּן בַּיי דֶער אֱמוּנָה זֵיי זָאלִין קֶענֶען זַיין יוּדִין. אוּן אַ טֵייל הָאבִּין רַחְמָנוּת גִיהַאט אוֹיף זֵייעֶר עֲשִׁירוּת אוּן זֶענֶען דָארְטְן גִיבְּלִיבְּן. זֶענֶען זֵיי גִיוֶוען אַנוּסִים בְּצִנְעָא (דְהַיְינוּ פַארְבָּארְגְן) הָאבְּן זֵיי נוֹהֵג גִיוֶוען דֶעם דַת פוּן יוּדִין. אוּן בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ פַאר לַייט) הָאבִּין זֵיי נִישְׁט גִיטָארְט זִיךְ נוֹהֵג זַיין וִוי יוּדִין.

דֶער נָאךְ אִיז דֶער מֶלֶךְ גִישְׁטָארְבְּן. אִיז דֶער זוּן גִיוָוארִין מֶלֶךְ. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין פִירִין דִי מְדִינָה זֵייעֶר שַׁארְף. אוּן הָאט אָפְּגִינוּמֶען אַסַאךְ מְדִינוֹת. אוּן עֶר אִיז גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָכָם. אוּן מַחְמַת עֶר הָאט זֵייעֶר שַׁארְף גִיהַאלְטִין אִין דֶער הַאנְט דִי שָׂרֵי מְלוּכָה. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף אִים גִימַאכְט אַ בּוּנְט. אַז זֵיי זָאלִין אוֹיף אִים אָן פַאלִין אוּן זָאלִין אִים אוֹיס הַארְגִינֶען אִים מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער. אוּן צְוִוישְׁן דִי שָׂרִים אִיז גִיוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי אֲנוּסִים. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. נָאךְ וָואס בִּין אִיךְ אֵיין אוֹנֵס. מַחְמַת אִיךְ הָאבּ חַס גִיהַאט אוֹיף מַיין הָאבּ. אוּן אוֹיף מַיין עֲשִׁירוּת. הַיְינְט אַז מֶען וֶועט דֶעם מֶלֶךְ הַארְגִינֶען, אוּן דִי מְדִינָה וֶועט בְּלַייבְּן אָן אַ מֶלֶךְ וֶועט אֵיינֶער דֶעם אַנֶדעְרִין לֶעבְּעֶנְדִיקֶערְהֵייט אַיינְשְׁלִינְגֶען. וָוארִין אַ מְדִינָה קָאן נִיט זַיין אָן אַ מֶלֶךְ. דְרוּם הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט גֵיין אוּן וֶועט אוֹיס זָאגִין דֶעם מֶלֶךְ. אוּן זֵיי זָאלִין נִיט וִויסְן. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן הָאט גִיזָאגְט דֶעם מֶלֶךְ. אַז מֶען הָאט זִיךְ אוֹיף אִים גִיבּוּנְטְעוֶועט כַּנַ"ל אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער מֶלֶךְ אוּן הָאט אוֹיס גִיפְּרִיבְּט אוֹיבּ עֶס אִיז אֶמֶת. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אַז עֶס אִיז אֶמֶת. הָאט עֶר גִישְׁטֶעלְט שׁוֹמְרִים. דִי נַאכְט וָואס זֵיי

<<<

## אַ וָוארט פַארְן שַׁבָּת טִישׁ

וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו

(בראשית כה, כח)

אִיךְ:

זֶע דַיין צַעַר וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אַז אֵיין זוּן אִיז דִיר שׁוֹין אַרוֹיס גֶעפַאלְן פוּן דַיינֶע הֶענְט, יֶעצְט זֶעסְטוּ וִוי דַיין צְוֵוייטֶע זוּן גֵייט אַוֶועק פוּן דִיר; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַ צָרָה אִין שְׁטוּבּ, דַארְף עֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן פוּן דִי צָרָה - צָרוֹת צְרוּרוֹת... לְמָשָׁל, וֶוען עֶלְטֶערְן זֶעֶען וִוי אַ קִינְד גֵייט אַרָאפּ פוּן וֶועג, דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן וֶועגְן דֶעם קִינְד - נָאךְ קִינְדֶער, מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת נִישְׁט אַרַיין צוּ פַאלְן אִין מָרָה שְׁחוֹרָה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ פוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דֶער מַאן זָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ זַיין וַוייבּ, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען צוּ וֵוייעֶךְ צוּם קִינְד, דִי וַוייבּ זָאגְט אַז דָאס הָאט פַּאסִירְט צוּלִיבּ אִיר מַאן, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען צוּ שְׁטְרֶענְג צוּ אִים וְכוּ', וָואס פַּאסִירְט? דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְט.

לֵיידֶער הֶער אִיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ פוּן בָּחוּרִים וָואס דֶערְצֵיילְן מִיר אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ; זֵייעֶר טַאטֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט דֶער אַלְטֶער טַאטֶע, דִי מַאמֶע אִיז שׁוֹין נִישְׁט דִי וַוארֶעמֶע מַאמֶע פוּן אַמָאל. זַייט אֵיינֶע פוּן דִי בְּרוּדֶערְ'ס הָאבְּן אַוֶועק גֶעגְלִיטְשְׁט הָאבְּן מִיר אַלֶעס פַארְלוֹירְן, מֶען בַּאשׁוּלְדִיגְט זִיךְ אַלֵיין, אָדֶער בַּאשׁוּלְדִיגְט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, אוּן דָאס קֶען גוֹרֵם זַיין צוּ פַארְלִירְן אַ גַאנְצֶע שְׁטוּבּ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ בִּיסְט אַזוֹי בְּרוֹגֶז אוֹיף דַיין זוּן אַז דוּ וִוילְסְט אִים פַארְ'סַמ'עֶן; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרָאפּ פוּן אִידִישֶׁע וֶועג רַחֲמָנָא לִצְּלָן, מִיט דֶעם אַלֶעם פְּלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם חַיִּים אִים גֶעבְּן עֶסְן, קְלֵיידֶער אוּן אִים גֶעהַאלְטְן אִין שְׁטוּבּ וְכוּ'. יֶעדְן צוּפְרִי וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער בְּאֵר מַיִם

זֶענֶען אוֹיף אִים אָן גִיפַאלְין הָאט מֶען זֵיי גִיחַאפְּט. אוּן מֶען הָאט זֵיי דַן גִוֶועןן אִיטְלִיכְן וִוי זַיין מִשְׁפָּט אִיז גִוֶועןן.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: דָאס זֶעט מֶען הַיינְט וִוי מֶענְטְשְׁן וַוארְפְן אַרָאפּ פוּן זִיךְ דָאס פִּירֶערְשַׁאפְט פוּן דִי רֶעגִירוּנְג, מֶען הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן דִי פָּאלִיצֵיי וְכוּ', זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז אַ מְדִינָה קֶען אַזוֹי נִישְׁט אָנְגֵיין, עֶס דַארְף זַיין אַ פִּירֶערְשַׁאפְט, וַוייל אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין פִּירֶערְשַׁאפְט מַאכְט זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ חֶשְׁבּוֹן: 'פַארְוָואס דַארְף אִיךְ גֵיין שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן כְּדֵי צוּ שַׁאפְן גֶעלְט צוּ קֶענֶען קוֹיפְן אַ פָּאר שִׁיךְ, פַארְוָואס זָאל אִיךְ בַּאצָאלְן פַאר דִי שִׁיךְ, אִיךְ וֶועל זִיךְ עֶנְדֶערְשׁ אַרַיינְבְּרֶעכְן אִין דֶעם שִׁיךְ גֶעשֶׁעפְט אַזוֹי הָאבּ אִיךְ שִׁיךְ בְּחִנָּם...' אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַלֶע זַאכְן, מֶענְטְשְׁן בְּרֶעכְן זִיךְ אַיין אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אִין בִּיזְנֶעסֶער, אוּן גַנְבְ'עֶנֶען אַרוֹיס אַלֶע זֵייעֶרֶע בַּאדֶערְפֶענִישְׁן פוּן דָארְט - דֶערְפַאר דַארְפְן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זָאל זַיין אַ שְׁטַארְקֶע רֶעגִירוּנְג וָואס זָאל הַאלְטְן דָאס לַאנְד אִין אָרְדְנוּנְג, דֶער מְדִינָה זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע פִּירֶערְשַׁאפְט.

הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ אָן גִירוּפְן אוּן הָאט גִיזָאגְט צוּ דֶעם שַׂר וָואס עֶר אִיז גִוֶועןן אֵיין אוֹנֵס. וָואס פַאר אֵיין כָּבוֹד זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין דֶער פַאר וָואס דוּ הָאסְט מִיךְ מַצִיל גִוֶועןן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער. זָאל אִיךְ דִיךְ מַאכִין פַאר אֵיין שַׂר (דְהַיְינוּ פַאר אַ הַאר) דוּ בִּיסְט דוּךְ בְּלוֹיז שׁוֹין אַ שְׂרָרָה. זָאל אִיךְ דִיר גֶעבִּין גֶעלְט. דוּ הָאסְט אַלֵיין גֶעלְט. זָאג וָואס פַאר אַ כָּבוֹד דוּ ווִילְסְט. וֶועל אִיךְ עֶס דִיר בְּוַודַאי טוּן. הָאט דֶער אוֹנֵס גִיעֶנְפֶערְט, וֶועסְטוּ מִיר אָבֶּער טָאן וָואס אִיךְ וֶועל זָאגִין. זָאגְט דֶער מֶלֶךְ. יוֹא אִיךְ וֶועל דִיר בְּוַודַאי טָאן וָואס דוּ וֶועסְט וֶועלִין. הָאט דֶער אוֹנֵס גִיזָאגְט שְׁוֶוער מִיר בַּיי דַיין קְרוֹין אוּן בַּיי דַיין מְלוּכָה. הָאט אִים דֶער מֶלֶךְ גִישְׁווָאוִירִין. הָאט זִיךְ דֶער אוֹנֵס אָנְגִירוּפְן. גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז. אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפַרְהֶסְיָא (דְהַיְינוּ פַאר לַייט) אִיךְ זָאל מֶעגִין לֵייגִין טַלִית אוּן תְּפִילִין בְּפַרְהֶסְיָא. הָאט עֶס דֶעם מֶלֶךְ זֵייעֶר גִיאַהֶרְט מַחְמַת אִין זַיין גַאנְצֶער מְדִינָה טָאר נִיט זַיין קֵיין יְהוּדִים. נָאר עֶר הָאט אָבֶּער קֵיין בְּרֵירָה נִיט גִיהַאט מַחְמַת דֶער שְׁבוּעָה. וָואס עֶר הָאט אִים גִישְׁווָאוִירִין אַז וָואס עֶר וֶועט וֶועלִין זָאל עֶר אִים טָאן. אִין דֶער פְרִי אִיז גִיגַאנְגֶען דֶער אוֹנֵס. אוּן הָאט גִילֵייגְט טַלִית אוּן תְּפִילִין בְּפַרְהֶסְיָא.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מֶענְטְשְׁן קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם, מֶען טְרַאכְט 'וָואס גֵייט מֶען דָא רֶעדְן,

חַיִים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ מִיט מַיין זוּן, אֲפִילוּ עֶר פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דָאךְ גֶעבּ אִיךְ אִים עֶסְן אוּן אַלֶע זַיינֶע הִצְטַרְכוּת'עֶר. אִיךְ בִּין נַאר אַ בָּשָׂר וָדָם, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז דוּ רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וָואס דוּ בִּיסְט דֶער אָב הָרַחֲמָן, טוֹב וּמֵיטַב, וְרַב חֶסֶד, זָאלְסְטוּ זִיכֶער הֶעלְפְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַלֶעם וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֵאִירְ'ל מִפְּרִימִישְׁלַאן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (דִּבְרֵי מֵאִיר, פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת) דֶעם פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית כה, כח): "וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת עֵשָׂו כִּי צַיִד בְּפִיו"; וִוי קֶען מֶען זָאגְן אוֹיף יִצְחָק אָבִינוּ אַז עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט עֵשָׂו הָרָשָׁע? זָאגְט עֶר, אַז יִצְחָק אָבִינוּ הָאט דָאס גֶעטוּן, נַאר "כִּי צַיִד בְּפִיו", עֶר זָאל קֶענֶען מִיט דֶעם מְנַצֵּחַ זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וִוי אִיךְ גֶעבּ פַאר עֵשָׂו וָואס עֶר דַארְף, אִיךְ הָאבּ אִים לִיבּ אֲפִילוּ עֶר גֵייט נִישְׁט בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר, זָאלְסְטוּ אַוַדַאי הֶעלְפְן אִידְן מִיט וָואס זֵיי דַארְפְן, אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיף וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין", עַיֵין שָׁם. זֶעט מֶען וִוי אַזוֹי צַדִיקִים הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער וֶוען זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בַּדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רַבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְן תִּיקוּן הַכְּלָלִי. וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין צִיוּן, גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתוֹ אוּן זָאגְן דִי תִּיקוּן הַכְּלָלִי, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן אִים אַ טוֹבָה טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס צִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית". דֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פְּלֶעגְט רַבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיוּן אוּן מִתְפַּלֵל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, אוּן תְּפִילָה הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ, אוּן זַיין זוּן אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רַבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חָבֵר רַבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זֶעט מֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אַז אַנְשְׁטָאט מֶען זָאל זִיךְ וֶועלְן הַרְגְ'עֶנֶען אָדֶער הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם קִינְד, אִיז דָא אַ בֶּעסֶערֶע וֶועג - דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר טֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק דִיר; טְרַאכְט נִישְׁט קַיין נַארִישֶׁע מַחֲשָׁבוֹת וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט חַס וְשָׁלוֹם פַּטֶרְ'ן דַיין זוּן, אִיךְ וֵייס אַז דַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן מֶען קֶען דָאס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן, אָבֶּער מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסֶע בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר פִירְט דִי וֶועלְט, מִיר פַארְשְׁטֵיין נִישְׁט דַרְכֵי הַמָּקוֹם בָּרוּךְ הוּא, מִיר דַארְפְן נָאר מִתְפַּלֵל זַיין צוּ אִים. וֶוען מֶען בֶּעט אִים הֶעלְפְט עֶר, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן דוּ זָאלְסְט הָאבְּן נַחַת פוּן זֵיי אוּן פוּן אַלֶע קִינְדֶער.

(עצתו אמונה ויצא תשע"ח)

וָואס גֵייט מֶען הֶערְן, אֶפְשָׁר אַ שֵׁיינֶע דְּרוּשׁ, אַ שֵׁיינֶע תּוֹרָה, אַ דֶערְהֶער׳ - אָבֶּער דֶער רֶבִּי רֶעדְט צוּ אוּנְז פוּן פָּשׁוּט׳עֶ זַאכְן, וִוי דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָא דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם אוּנֵס וָואס הָאט גֶעזָאגְט צוּם קֶענִיג: ״גָאר מַיין כָּבוֹד אִיז, אַז אִיךְ זָאל מֶעגִין זַיין אֵיין יְהוּדִי בְּפֶרְהֶסְיָא אִיךְ זָאל מֶעגִין לֵייגִין טַלִּית אוּן תְּפִילִין בְּפֶרְהֶסְיָא״.

מֶען רֶעדְט דָא פוּן זֵייעֶר פָּשׁוּט׳עֶ זַאכְן, פוּן דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, פוּן אָנְטוּן טַלִּית וּתְפִילִין, אָבֶּער דָאס זֶענֶען זַאכְן וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן. מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זָאגְן: ״וָואס אִיז מַיין זַאךְ? - לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה!״

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט דֶערְצֵיילְט אַ בֵּיישְׁפִּיל וָואס מֶען זֶעט דֶערְפוּן מוֹהֲרָא״שְׁ׳ס לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה: מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעטְרָאפְן עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְן זִיךְ גֶעהַאלְטְן פַאר גְרוֹיסֶע עוֹבְדֵי הַשֵּׁם אוּן גְרוֹיסֶע לַמְדָנִים... הָאט מוֹהֲרָא״שׁ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ זֵיי: ״זַייט יֶעדְן טָאג מַעֲבִיר סֶדְרָה, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם אוּן פֵּרוּשׁ רַשִׁ״י״, זֵיי הָאבְן נִישְׁט אָבֶּער גֶעכַאפְּט וָואס מוֹהֲרָא״שׁ מֵיינְט זֵיי צוּ זָאגְן, דָאס אִיז גֶעוֶוען צוּ פָּשׁוּט פַאר זֵיי, הָאבְן זֵיי אָנְגֶעהוֹיבְן נָאכְזָאגְן שֵׁיינֶע תּוֹרָה׳לֶעךְ אוֹיף דִי סֶדְרָה, דֶער אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ זָאגְט אַ שֵׁיין וָוארְט אַזוֹי וְכוּ׳ אוּן דֶער כְּלִי יָקָר זָאגְט אַזוֹי וְכוּ׳, פְרֶעגְט זֵיי מוֹהֲרָא״שׁ: ״וָואס זָאגְט אִיר מִיר נָאךְ דֶעם אוֹר הַחַיִּים הַקָּדוֹשׁ אוּן דֶעם כְּלִי יָקָר וְכוּ׳ אִיךְ רֶעדְט צוּ עֶנְק פָּשׁוּט פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם?״ הָאבְן זֵיי זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט: ״וָואס אִיז דֶען מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, סְתַּם זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן חוּמָשׁ אוּן תַּרְגוּם, וָואס אִיז דָאס דֶען וֶוערְד...?״ הָאט מוֹהֲרָא״שׁ פְּרוּבִּירְט צוּ רֶעדְן וַוייטֶער מִיט זֵיי, אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן: ״בֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ בֶּענְטֶשֶׁער״, דָא הָאבְן זֵיי שׁוֹין מַמָּשׁ נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מוֹהֲרָא״שׁ וִויל פוּן זֵיי, ״בֶּענְטְשְׁן אִין אַ בֶּענְטֶשֶׁער? מִיר זֶענֶען דֶען קְלֵיינֶע קִינְדֶער...?״ - פִּירְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א אוֹיס: דָאס אִיז גֶעוֶוען מוֹהֲרָא״שׁ, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְן הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישֶׁע קִינְדֶער לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה; אוּן דָאס דַארְפְן מִיר גֶעדֶענְקְן נָאכְצוּמַאכְן, טוּן וָואס מִיר קֶענֶען יָא, אוּן אֲפִילוּ דֶעם סִפּוּר אַלֵיין דַארְף מֶען אוֹיךְ נָאר נֶעמֶען אוֹיף לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה, נִישְׁט אוֹיף סְתַּם דַן זַיין צִי דִי אִינְגֶעלַייט זֶענֶען גֶעוֶוען לַמְדָנִים, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ הָאט זֵיי גוּט אַרַיין גֶעגֶעבְּן מוּסָר וְכוּ׳ וְכוּ׳, נָאר טַאקֶע אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער בִּיז סוֹף וָואךְ עֶנְדִיגְט מֶען דִי גַאנְצֶע סֶדְרָה, אוּן אוֹיךְ גֶעדֶענְקְן צוּ בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן אִינֶעוֵוייְנִיג אִין אַ בֶּענְטֶשֶׁער.

בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז לֵיידֶער דֶער עִיקָר דָאס בִּילְד אוּן דֶער אוֹיסְקוּק פוּנֶעם בָּחוּר, דֶער בָּחוּר זָאל אוֹיסְקוּקְן וִוי אַ חַסִידִ׳ישֶׁער בָּחוּר וְכוּ׳, מֶער פוּן דֶעם אִינְטֶערֶעסִירְט אִים נִישְׁט; צִי עֶר לֵייגְט יָא תְּפִילִין, אָדֶער נִישְׁט - דָאס גֵייט אִים שׁוֹין נִישְׁט אָן, רַחֲמָנָא לִיצְלָן; לֵיידֶער רֶעדְט מֶען הַיינְט פוּן אַלֶעס, פוּן הוֹיכֶע זַאכְן, עִנְיָנִים אוּן רְמָזִים, אוֹיסֶער פוּן דִי פָּשׁוּט׳עֶ לֶעבְּנְס ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, פוּן דַאוֶונֶען אוּן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִילִין - פוּן דֶעם רֶעדְט מֶען נִישְׁט, גֶעדֶענְק אָבֶּער: ׳לֵייג טַלִּית אוּן תְּפִילִין׳, וִוי דֶער אוּנֵס הָאט גֶעזָאגְט קַיין גְרֶעסֶערֶע כָּבוֹד אוּן וואוּנְטְשׁ קֶען אִיךְ נִישְׁט הָאבְן, נָאר דָאס אֵיינֶע זַאךְ ׳אִיךְ זָאל מֶעגְן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִילִין בְּפַרְהֶסְיָא׳.

אֵיינֶער פוּן דִי מְפִיצִים הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, גֵייעֶנְדִיג הַפָּצָה אִיז אֵיינֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: ״דוּ פַארְקוֹיפְסְט דִי סְפָרִים פוּן מוֹהֲרָא״שׁ? אִיךְ וֶועל דִיר דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט מִיט מוֹהֲרָא״שׁ, וֶועסְטוּ זֶען וֶוער מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעוֶוען, אִיךְ הָאבּ לֵיידֶער גֶעהַאט אָפְּגֶעטוּן זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת אִין לֶעבְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַארְעֶרְכְטְן מַיינֶע מַעֲשִׂים, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט אִיךְ וֶועל גֵיין צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אֶפְשָׁר וֶועט עֶר מִיר גֶעבְן אַ תִּיקוּן פַאר מַיין נְשָׁמָה, אִיךְ בִּין אַרַיין צוּ מוֹהֲרָא״שׁ אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְן צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶעס וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן, גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וְכוּ׳ רַחֲמָנָא לִיצְלָן, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ קוּקְט מִיר אָן, אוּן זָאגְט צוּ מִיר: ״דָא הָאסְטוּ מַיין תְּפִילִין, גֵיי שׁוֹין אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן טוּ אָן תְּפִילִין״, אִיךְ שְׁטֵיי אוּן אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ: ״וָואס? אִיךְ קוּם פַאר אַ תִּיקוּן אוֹיף גֶעפֶערְלִיכֶע עֲבֵירוֹת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אוּן מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט מִיר יֶעצְט שֵׁיינֶערְהֵייט לֵייג תְּפִילִין?!״ אָבֶּער מוֹהֲרָא״שׁ בֶּעט זִיךְ נָאכְאַמָאל צוּ מִיר שֵׁיינֶערְהֵייט: ״גֵיי אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן לֵייג תְּפִילִין״, דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער שֵׂכֶל פוּן מוֹהֲרָא״שׁ, אִיךְ בִּין טַאקֶע גֶעקוּמֶען פַאר אַ תִּיקוּן, אָבֶּער תְּפִילִין הָאבּ אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט גֶעלֵייגְט פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג, הָאט מִיר מוֹהֲרָא״שׁ גֶעזָאגְט צוּם עֶרְשְׁט זָאל אִיךְ לֵייגְן תְּפִילִין״.

זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א וַוייטֶער: מִיר שְׁטֵייעֶן דָאךְ יֶעצְט אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג, אִין אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים, בַּאלְד קוּמְט אָן דֶער וִוינְטֶער, דַארְף מֶען זֶען צוּ בְּלַייבְּן מְקוּשָּׁר אוּן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייטֶער קוּמֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען, אוּן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין.

עֶס אִיז לֵיידֶער דָא פְּלֶעצֶער אִין אָפְּסְטֶעיט נְיו יָארְק וואוּ דִי אִידְן הָאבְּן אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אַ קָאנְגְּרֶעגֶרְעישָׁאן, אוּן אַ גַאנְץ יָאר קוּמְט מֶען נִישְׁט דַאוֶּוענֶען, אַ גַאנְץ יָאר וַואקְסְט גְרָאז אִין שׁוּל... בֶּעפָאר עֶס קוּמְט יוֹם כִּפּוּר רוּפְן זֵיי אַ קָאמְפֶּעני אוּן מֶען רֵיינִיגְט אוֹיס דֶעם שׁוּל, מֶען גְרֵייט עֶס שֵׁיין אָן פַאר יוֹם כִּפּוּר, דֶעם אֵיינֶעם טָאג קוּמֶען זֵיי דַאוֶּוענֶען אִין שׁוּל; לֵיידֶער הַיינְטִיגֶע צַייטְן הָאבְּן מִיר דָאס אַבִּיסְל עֶנְלִיךְ, סְ'אִיז דָא אִינְגֶעלַייט וָואס אַ גַאנְצֶע וָואךְ קוּמְט עֶר נִישְׁט אִין שׁוּל אוֹיסֶער שַׁבָּת, וָואס דֶעמָאלְט קוּמְט עֶר אִין שׁוּל מִיט זַיינֶע קִינְדֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְּלֶעגְט דֶערְצֵיילְן: עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אַ בָּחוּר, נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶער חָכָם אוּן נִישְׁט קַיין קְלֵיינֶער נַאר, מֶען פְּלֶעגְט אִים רוּפְן 'מָאטְל נַאר', וֶוען עֶר אִיז אַ חָתָן גֶעוָוארְן הָאט מֶען אִים גֶערוּפְן 'מָאטְל חָתָן'. פַאר זַיין חֻפָּה הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דֶער 'מָאטְל חָתָן' וֵויינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס וֵויינְסְטוּ, וָואס גֵייט פָאר?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "מִיר פְּלֶעגְט מֶען אֵייבִּיג רוּפְן 'מָאטְל נַאר', וֶוען אִיךְ בִּין אַ חָתָן גֶעוָוארְן הָאט מֶען מִיךְ אָנְגֶעפַאנְגֶען רוּפְן 'מָאטְל חָתָן', יֶעצְט אַז אִיךְ גֵיי שׁוֹין חֲתוּנָה הָאבְּן, וֵויין אִיךְ, וַוייל מֶען גֵייט מִיךְ צוּרִיק אָנְפַאנְגֶען צוּ רוּפְן 'מָאטְל נַאר'". הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: יֶעצְט אַז מִיר שְׁטֵייעֶן נָאךְ אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים, דַארְפְן מִיר זֶען אַז מִיר זָאלְן מִיטְנֶעמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג אוֹיף אַ גַאנְץ יָאר, אוּן נִישְׁט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אוּנְזֶער נָאמֶען 'מָאטְל נַאר'; אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶּוענֶען מֶען הָאט גֶעטוּן אַלֶע מִנְהָגִים, אַלֶע מִצְוֹת, דַארְף מֶען זֶען וַוייטֶער - אַ גַאנְץ יָאר - קוּמֶען אִין שׁוּל, דַאוֶּוענֶען אוּן לֵייגְן טַלִּית וּתְפִלִּין.

מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן דֶעם זֶעלְבְּן טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מַאכְן מֵיינֶענְדִיג: "עֶס אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אַזֶעלְכֶע הֵיילִיגֶע טֶעג אָבֶּער וָואס הָאט מֶען נָאכְדֶעם דֶערְפוּן, אַלֶעס גֵייט צוּרִיק צוּם אַלְטְן, דִי זֶעלְבֶּע נִסְיוֹנוֹת, דִי זֶעלְבֶּע נְפִילוֹת וְכוּ' וְכוּ'...?", - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע יָמִים טוֹבִים דָאס גֶעבְּט אַ כֹּחַ פַארְ'ן מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בְּמֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן לַאנְגֶען וִוינְטֶער; עֶס קוּמְט יֶעצְט אַזַא לַאנְגֶע וִוינְטֶער, חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, כִּסְלֵו, טֵבֵת, שְׁבָט, אֲדָר, פוּן וואוּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ דִי כֹּחוֹת אָנְצוּגֵיין דִי אַלֶע טֶעג? - נָאר דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וָואס שַׁיינֶען אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ גְרוֹיסֶע כֹּחוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן בִּיזְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב; אַזוֹי אִיז עֶס מִיט אַלֶע יָמִים טוֹבִים, עֶס גֶעבְּט רוּחֲנִיוּתְ'דִיגֶע כֹּחוֹת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ אוֹיף בִּיז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב.

פּוּנְקְט וִוי מֶען פַארְשְׁטֵייט אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ קַאר, אוּן דִי גֶעזֶעלִין אִיז אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען פָארְט עֶר צוּם גֶעז סְטַאנְצִיֶע אוּן פִילְט אָן זַיין קַאר מִיט גֶעז, עֶר מַאכְט נִישְׁט דֶעם נַארִישְׁן חֶשְׁבּוֹן: "וָואס הָאבּ אִיךְ פוּן אָנְפִילְן מַיין קַאר, עֶס וֶועט דָאךְ בַּאלְד סַייוִוי נָאכְאַמָאל אוֹיסְגֵיין דִי גֶעז...?" - וָואס הָאט אֵיינֶע מִיט דִי אַנְדֶערֶע, יֶעצְט אִיז עֶס לֵיידִיג - פִיל אִיךְ עֶס אָן, אַז בַּאלְד וֶועט עֶס נָאכְאַמָאל וֶוערְן לֵיידִיג וֶועל אִיךְ עֶס בַּאלְד נָאכְאַמָאל אָנְפִילְן. דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט דִי יָמִים טוֹבִים, דָאס בְּלָאזְט אַרַיין אַ חַיוּת אִינֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוֹיף וַוייטֶער, בִּיזְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב, אוּן דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יוֹם טוֹב וֶועל אִיךְ זִיךְ נָאכְאַמָאל אָנְפִילְן אוֹיף וַוייטֶער, אַזוֹי אִיז עֶס אַלֶע יָמִים טוֹבִים.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: מִיט תְּפִלִּין שֶׁעמְט מֶען זִיךְ נִישְׁט, מַיין גְרֶעסְטֶע כָּבוֹד אִיז לֵייגְן תְּפִלִּין בְּפַרְהֶסְיָא; תְּפִלִּין לֵייגְט מֶען נִישְׁט אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע קְלַאזֶעט, נָאר אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בְּפַרְהֶסְיָא.

אֵיינְמָאל אִיז אַ אִינְגֶערְמַאן אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה אוּן פְרֶעגְט מִיר: "הָאסְט אֶפְשָׁר אַ צִימֶער וואוּ אִיךְ קֶען גֵיין?" פְרֶעג אִיךְ אִים: "פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַ צִימֶער, וָואס גֵייט פָאר?" זָאגְט עֶר מִיר: "וַוייל אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעלֵייגְט תְּפִלִּין", זָאג אִיךְ אִים: "קוּם אַרַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, לֵייג תְּפִלִּין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ", זָאגְט עֶר מִיר: "נֵיין, נֵיין, עֶס אִיז אַ חִלּוּל הַשֵּׁם צוּ לֵייגְן יֶעצְט תְּפִלִּין", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַז עֶר עַקְשָׁ'נְט זִיךְ, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעגֶעבְּן אַ צִימֶער וואוּ עֶר זָאל לֵייגְן תְּפִלִּין. זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶס אִיז זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט אַז וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט לֵייגְן תְּפִלִּין אִיז עֶר גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן 'זָאגְן' דִי וֶוערְטֶער פוּן תּוֹרָה...; תְּפִלִּין לֵייגְסְטוּ אִין אַ קְלַאזֶעט, אִין אַ פַארְמַאכְטֶע צִימֶער, אָבֶּער אַ דֵעָה הָאסְטוּ צִי 'זָאגְן' הֵייסְט יָא גֶעלֶערְנְט אָדֶער נִישְׁט גֶעלֶערְנְט... ?!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ד, מַעֲשֶׂה נִסִּים, מִמֶּלֶךְ שֶׁגָּזַר שְׁמַד, חֵלֶק ג', פָארְגֶעלֶערְנְט שְׁמִינִי עֲצֶרֶת תשפ"א לִפְרָט קָטָן)